STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05189

EYNMOL IN HERBST

Maksim Gorky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק".

אַדרעססע פֿון פערלאַג:

Книжный магазинъ „ИЗРАЕЛИТЪ"

ВИЛЬНО, Рудницкая ул.

איינמאל אין הערבסט

ערצעהלונג.

פֿון מאקסים גארקי.

ОДНАЖДЫ ОСЕНЬЮ.

Разсказъ М. Горькаго.

1905.

№ 3. פרייז 12 קאפ'.

Дозволено Цензурою
Варшава, 7 января 1904

Типо-Лит. Ф. Баумриттеръ

איינמאל אין הערבסט...

...איינמאל אין הערבסט איז מיר אויסגעקומען צו בלייבען אין א שלעכטע און זעהר אונבעקוועמע לאגע: אין דער שטאדט, וואוהין איך בין נאר וואס געקומען צופאהרען, און וואו איך האב קיין בעקאנטען מענשען נים געהאט, — בין איך געבליעבען אהן א גראשען אין קעשענע און אהן א קוואטיר.

נאכדעם ווי איך האב אין די ערשטע טעג פארקויפט פון זיך אלץ, אהן וואס איך האב זיך נאר געקענט בעגעהן, בין איך אוועק פון שטאדט אין א געוויסען ארט „אוסט". דארטען פלעגען זיך אלע מאל שיפען אבשטעלען און זומער־צייט פלעגט קאכען דאס רוישיגע, שווערע לעבען, נאר איצט איז שוין דארטען געוועזען וויסט און שטיל, ווייל דאס איז פארגעקומען אין די לעצטע טעג פון אקטאבער.

פאטשענדיג מיט די פיס איבער דעם נאסען זאמד און זוכענדיג מיט די אויגען אויף דער ערד, צי וועל איך וואו עס איז באמערקען האטש אסימן פון עסענווארג, האב איך זיך איינער אליין ארומגעשלעפט צווישען די פוסטע גיביידעס און קלייטלעך און האב געקלערט וועגען דעם, ווי גוט עס איז צו זיין זאט...

ביי די איצטיגע לאגע פון דער מענשליכער ענטוויקלונג קען מען דעם הונגער פון גייסט פיעל לייכטער בעפרידיגען, איידער דעם הונגער פון קערפער. איהר שפאצירט אין די גאסען, איך רינגלען ארום גיביידעס, גאנץ שיינע אויף'ן קוק, און מען קען זיכער זאגען — גאנץ שעהן אויסגעפוצטע אינווייניג — און דאס קען דערוועקען אין איך פרעהליכע געדאנקען וועגען ארכיטעקטור, וועגען היגיענע און וועגען פיעל אנדערעס, וואס איז הויך און קלוג; איהר באגעגענט בעקוועם אוןווארעם אנגעקליידעטע מענער, — זיי זענען איידעל, לאזען אייך אלע מאל דעם וועג און

ווילען גאנץ העפליך נים באמערקען דעם טרויעריגען פאקט פון איער עקזיסטענץ עהרען ווארט, דער גייסט פון א הונגעריגען שפיזט זיך שטענדיג בעסער און געזונטער איידער דער גייסט פון א געזונטען — אט איז, ווי איהר זעהט, א גרונדלאגע, פון וועלכע מען קען מאכען א שארפזיניגען אויספיהר וועגען די זאטע!..

... דער אווענד האט גינעהנט. עס האט געגאסען א רעגען זיין פון צפון זייט האט געבלאזען א ווינד. ער האט געפייפט אין די פוכטע פעסלעך און קלייטלעך, געקלאפט אין די פענסטער, פארהאקטע מיט ברעטלעך, און די וועלען פון טייך האבען זיך מיט שוים בעדעקט, מיט א גערויש געפלייצט אויף דעם זאמד פון ברעג, הויך אויפהעבענדיג זייערע ווייסע רוקענס, און זיי האבען זיך געטראגען איינער נאך דעם אנדערען אין די מוטנע ווייטקייט, שפרינגענדיג מיט האסט איינער איבער דעם אנדערען... עס האט זיך געדאכט, אז דער טייך האט געפיהלט, ווי נאהענט דער ווינטער איז שוין און איז אין שרעק געלאפען פון די אייזערנע קייטען, אין וועלכע דער צפון־ווינד האט איהם נאך היינט ביי נאכט געקענט פארשמידען. דער הימעל איז געוועזען א שווערער, א פינסטערער און עס האבען זיך אהן א אויפהער געשאטען פון איהם קוים בעמערקבארע טראפעלעך רעגען. און צוויי ארומ־געבראכענע אויסגעקרימטע בוימער און דאס איבערגעקערטע שיפעל נעבען זיי האבען נאך פערשטארקט דעם אומעטיגען איינ־דרוק פון דער פערביטערטער נאטור.

דאס איבערגעקערטע שיפעל מיט דעם דורכגעבראכענעם דעק און די בוימער, ארומגעריסענע פון קאלטען ווינד, דער־שלאגענע און אלטע... אלץ ארום איז צופיהרט, פארוויסטעט און טויט, און דער הימעל גיסט אהן אויפהער פערצווייפעלטע טרערען. און פינסטער איז געוועזען ארום — עס האט זיך געדאכט, אז אלץ שטארבט אב און אין גיכען וועט בלייבען נור איין לעבעדיגער — איך, און מיך ערווארטעט אויך דער קאל־טער טויט.

און איך בין דאמאלס געוועזען אכטצעהן יאהר אלט — די בעסטע צייט!

איך האב זיך אומגעשלעפט און אומגעשלעפט איבער דעם קאלטען און נאסען זאמד, אויסקלאפענדיג מיט די ציינער טרעלען לכבוד דעם הונגער און קעלט, און האב אלץ קיין זאך ניט געפונען, וואס זאל קענען דינען פאר א עסענווארג. געהענדיג פארביי א קלייטעל האב איך פלוצלונג באמערקט אויף דער ערד א מענשליך געשטאלט אין ווייבערשע קליידער, דורכגענעצטע פון רעגען און ווי צוגעקלעבטע צו די איינגעבויגענע פלייצעס. איך האב זיך אפגעשטעלט נעבען איהר און האב זיך צוגעקוקט וואס זי טהוט. זי האט געגראבען מיט די הענד א גרוב און האט געוואלט, ווי עס האט אויסגעוויזען, ארונטערגראבען זיך אונטערען קלייטעל.

אויף וואס דארפסטו דאס? — האב איך געפרעגט איינבויגענדיג זיך צו איהר.

זי האט שטיל א געשריי געטהון און איז גלייך אויף געשפרונגען. איצט, ווען זי איז געשטאנען און געקוקט אויף מיר מיט איהרע גרויסע טונקעלע אויגען אזו ווי דערשראקען, — האב איך געזעהען, אז דאס מיידעל איז אין מיינע יאהרען און האט א ליעבליך געזיכט, וועלכעס איז געוועזען, צום בעדויערען, באפוצט מיט גרויסע דריי בלאהע-צייכענס. דאס האט איהר מאוסער געמאכט, חאטש זיי זענען געלעגען אויף'ן געזיכט ווי אויסגעגאסען. צוויי פון איין גרויס אונטער די אויגען און איינער, אביסעל גרעסער, אויף'ן שטערען, אקוראט איבערען נאז. איך האב אן די בלאהע צייכענס גלייך באמערקט די ארבעט פון א קינסטלער, וועלכער איז שוין זעהר גענייט אין דעם עסק פון מאוס מאכען מענשליכע געזיכטער.

דאס מיידעל האט געקוקט אויף מיר און די שרעק אין איהרע אויגען האט זיך ביסלעכווייז אויסגעלאשען... אט האט זי זיך אבגעטרייסעלט די הענד פון זאמד, האט פערריכט דאס קרעטאנענע טיכעל אויף'ן קאפ, א ציטער געטהון און געזאגט:

— דו ווילסט דאך כסתמא אויך עסען... נו, טא גראב...

איך בּין שוין פערמאַטערט. דאָרטען — זי האָט אָנגעוויזען אויף'ן קלייטעל — איז געוויס בּרויט פאַראַן... דאָס קלייטעל האַנדעלט נאָך...

איך האָב אָנגעהויבּען גראָבּען. זי האָט אונטערגעוואַרט אַבּיסעל און, בּעטראַכטענדיג מיך, האָט זי זיך אויך צוגעזעצט און האָט גענומען העלפען מיר אין דער אַרבּעט...

— מיר האָבּען געאַרבּעט אין דער שטיל. איך קען איצט אויף געוויס ניט זאָגען, צי איך האָב דאַמאָלס געטראַכט וועגען די געזעצען פון גערעכטיגקייט, אייגענטהום און וועגען אַלע איבּעריגע זאַכען, וועלכע מען דאַרף האַלטען אין זינען, נאָך דער מיינונג פון פיעלע געלערענטע מענשען, אין יעדער רגע פון לעבּען. אונ ווייל איך וויל זיך האַלטען נאָהענט פון אמת, מוז איך אויסזאָגען, אַז איך בּין דאַן אויף אַזוי פיעל געוועזען פאַרטיעפט אין דעם אונטערגראָבּען זיך אונטערין קלייטעל, אַז איך האָב זיך גאָר אין גאַנצען פערגעסען ווייגען אַלץ אין דער וועלט, אויסער דעם, וואָס איך האָב געקענט געפינען אין דעם דאָזיגען קלייטעל...

עס איז געוואָרען שפּעט. די פינסטערניס אַ נאַסע, אַ קאַלטע איז אַרום אונז אַלץ געדיכטער געוואָרען. די וועלען האָבּען גערוישט העכער ווי פריער און דער רעגען האָט געקלאַפּט איבּער די בּרעטער פון קלייטעל אַלץ שטאַרקער און עפטער... ערגעץ האָט זיך שוין אָבּגערופען דער קלאַפּער פון נאַכט־וועכטער.

— עס האָט אַ פּאָדלאָגע צי ניט? — האָט שטיל געפרעגט מיין בּעהעלפערין. איך האָב ניט פערשטאַנען וועגען וואָס זי רעדט און האָבּ צוגעשוויגען.

— איך פרעג, צי דאָס קלייטעל האָט אַ פּאָדלאָגע? אויבּ יע, האָרעווען מיר אומזיסט. אַ גרובּ וועלען מיר אויסגראָבּען — און דאָרטען זענען גראָד נאָך גראָבּע בּרעטער פאַראַן... וועלען מיר זיי אַ פּנים קענען אָבּרייסען? לאָמיר בּעסער דעם שלאָס צעבּרעכען... אַ שלעסעל אַ גאָר נישט...

גוטע געדאַנקען בּעזוכען ווייבּערשע קעפּ זעהר זעלטען; גאָר ווי איהר זעהט אַליין, בּעזוכען זיי פונדעסטוועגען יע...

איך האב אלע מאל געשעצט גוטע געדאנקען און האב זיך אלע מאל בעמיהט אויסניצען זיי, אויף וויפיעל עס איז נור אין מיין מיגליכקייט געוועזען.

— ווי איך האב נאר דעם שלאס געפונען, האב איך איהם ארים געטהאן און האב איהם גלייך ארויסגעשלעפט צוזאמען מיט די רינגען!.. מיין קאמעראדין האט זיך צוגויפגעדרעהט און איז אין איין רגע אריינגעשפרונגען אין דעם פיערקאנטיגען טירעל פון קלייטעל. פון דארטען האב איך שוין דער הערט איהר צופרידענעם געשריי:

— א יונג!

איין גוטווארט פון א פרויענצימער איז ביי מיר טייערער פון א גאנצען מאנסבילשען לויב־געזאנג, זאל ער אפילו קענען שען רעדען ווי אלע אלטע און נייע רעדנער צוזאמען. נאר דאמאלס האב איך זיך געפיהלט ניט אזוי אנגענעהם ווי איצט און ניט נעמענדיג אין אכט דעם קאמפלימענט פון דעם מיידעל. האב איך קורץ און מיט שרעק א פרעג געטהון:

— איז דא וואס עס איז?

זי האט אנגעהויבען אויסרעכענען אלע איהרע ענטדעקונגען:

— א קארב מיט פלעשלעך... פוסטע זעקלעך... א שירעם... אנ' עמער אנ' אייזערנער.

דאס אלץ האט ניט געטויגט צום עסען. איך האב דערפיהלט אז מיינע האפענונגען לעשען זיך אוים... נאר זי האט פלוצלונג לעבעדיג אויסגעשריען:

אהא! אט איז דאס...

— וואס?

— ברויט... א שטיק... אבער נאסע... האלט!

צו מיינע פיס האט זיך צוגעקייקעלט א שטיק ברויט. און נאך איהם איז זי מיין ווערטהע קאמעראדין, אויך ארויסגעקראכען. איך האב שוין געהאט אפגעבראכען א שטיקעל, אריינגעשטופט איהם אין מויל און האב געקייט...

— נו, גיב אקארסט מיר אויך... און אוועקגעהן דארף מען, מאקי אויך פון דאנען. וואוהין זאלען מיר געהן — ווייס איך

גאר ניט. — זי האט גענומען עטוואס זוכען מיט די אויגען אין די ארומיגע פינסטערניס.. ארום איז געווען בלאטיג, עס האט גערוישט...

— דארטען ליגט אנ' איבערגעקערט שיפעל... ווילסט אהין?

— קום!

און מיר זענען אוועק, ארומברעכענדיג אין וועג אונזערע רויב און שטאפענדיג עס אין די מיילער... דער רעגען האט זיך געשטארקט, דער טייך האט געברומט, עס האט זיך פון ערגיץ געטראגען א פייפען, פאנאנדער געצייגען און מיט געשפעט, — אקוראט ווי עמיץ זעהר א גרויסער, וואס האט פאר קיינעם ניט מורא, וואלט אויסגעפייפט אלע ארדנונגען פון דער ערד מיט די מאוסע הערבסט נאכט מיט אונז צוזאמען, איהרע צוויי העלדען,... דאס הארץ האט וועה געטהון פון דעם פייפען; פון דעסטוועגען האב איך מיט גרויס אפעטיט געגעסען און דאס מיידעל, וואס איז געגאנגען נעבען מיין לינקער האנד, האט זיך אויך ניט געלאזט נארען.

— ווי רופט מען דיך? — האב איך זי געפרעגט, אליין ניט ווייסענדיג פאר וואס.

— נאטאשא! — האט זי געענטפערט קייענדיג דאס ברויט.

איך האב א קוק געטהון אויף איהר — און מיר האט פערדריקט דאס הארץ, איך האב א קוק געטהאן אין די פינסטערניס פאר זיך און — מיר האט זיך פארגעשטעלט, אז דאס איראנישע פנים פון מיין מזל קוקט אויף מיר און שמייכעלט אונבעשטימט און קאלט...

... איבער דעם דעק פון שיפעל האט געקלאפט דער רעגען און געקלאפט, און זיין ווייכער גערויש האט געוועקט אומעטיגע געדאנקען, און דער ווינד האט געפייפט, ארייננפליהענדיג אין דעם דורכגעבראכענעם דעק — אין א שפאלט, וואו עס האט זיך געקלאפט עפעס א שפענדעלע, עס האט זיך געקלאפט און געציטערט מיט אנ' אומרוהיגען רחמנות'דיגען קלאנג. די וועלען

פון טייך האבען זיך געפּאטשט אן ברעג און האבען אזוי פאר־
צווייפעלט געקלונגען, ווי זיי וואלטען פערצעהלען וועגען עטוואס
אזעלכעס, וואס איז אינטערעסאנט אומעטיג און שווער, וואס
האט זיי שוין דערעסען ביז האס, פון וואס זיי וואלט זיך וועלען
אנטלויפען און זיי מוזען פארט וועגען דעם רעדען. דער גערויש
פון רעגען האט זיך צונויפגעגאסען מיט זייער פּאטשען, און איבער
דעם אומגעקערטען שיפעל האט זיך אומגעטראגען, ווי א קרעכץ
א פאנאנדערגעצייגענער, אונענדליכער און שווערער קרעכץ פון
דער ערד, וועלכע איז בעליידיגט און פערמאטערט דורך דעם,
וואס דער שיינענדער ווארימער זומער ווערט פארביטען אויף אנ׳
אויביגען הערבסט, א קאלטען, נעבעלדיגען און נאסען. און דער
ווינד האט זיך אלץ געטראגען איבער דעם וויסטען ברעג און
איבער דעם שוימענדען טייך, ער האט זיך אומגעטראגען און
האט געזונגען פערביטערטע ליעדער...

אונטער׳ן שיפעל איז געוועזען ניט איבעריג בעקוועם:
דארטען איז געוועזען ענג און נאס, דורך דעם דורכגעבראכענעם
דעק האבען זיך געשאטען קליינע און קאלטע טראפּענס רעגען...
אפט פלעגט זיך אויך דער ווינד אריינרייסען... מיר זענען שטיל
געזעסען און האבען געציטערט פון קעלט. מיר האט זיך געוואלט
שלאפען, געדיינק איך. נאטאשא האט זיך אנגעשפּארט אן זייט
פון שיפעל און האט זיך צונויפגעדרעהט אין א קליינעם קנויל.
ארומכאפּענדיג די קניה מיט די הענד און אנשפּארענדיג זיך אויף
זיי מיט׳ן קאפּ, האט זי אלץ געקוקט אויף׳ן טייך מיט ברייט
פאנאנדערגעעפענטע אויגען... אויף דעם ווייסען פלעק פון איהר
פּנים האבען זיי אויסגעזעהען מאדנע גרויס, צוליעב די בלאהע
צייכענס אונטער זיי. זי האט זיך אפילו קיין ריהר ניט געטהאן,
און די דאזיגע רוהיגקייט איהרע — איך האב דאס געפיהלט —
דאט אין מיר אלץ מעהרער דערוועקט א שרעק פאר מיין
שכנת׳ע... מיר האט זיך געוואלט אנהויבען רעדען מיט איהר,
האב איך אבער ניט געוואוסט, פון וואס אנצוהויבען.

זי האט אליין אנגעהויבען.

— וואס פאר א מאוס לעבען דאס איז!..— האט זי:

אַרויסגערעדט מיט אַ שטים פון טיפע איבערצייגונג, געלאַסען, אָפּטהיילענדיג איין וואָרט פון צווייטען.

דאָס זענען ניט געוועזען ווערטער פון קלאָגען זיך. אין זיי איז צופיעל גלייכגילטיגקייט געלעגען, מען זאָל זיי קענען אָננעמען פאַר אַ קלאָג. גאָר פּראָסט, אַ מענש האָט אַ קלער געטהאָן ווי ער האָט געקענט, האָט אַ קלער געטהאָן און איז געקומען צו אַ בעוואוסטען געדאַנק, וועלכען ער האָט אויף'ן קול אַרויסגערעדט, און אַנטקעגען וועלכען איך האָב גאָר נישט געהאַט צו זאָגען, ווייל איך בין מיט איהם געוועזען איינשטימיג. דער פּאַר טאָג האָב איך געשוויגען. און זי איז ווייטער געזעסען, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט, אַזוי ווי זי וואָלט מיך גאָר ניט בעמערקען.

— פֿגר'ן וואָלט איך האָטש, ציי וואָס... — האָט נאַטאַשאַ ווידער געזאָגט, אויף דעם מאָל שוין שטיל און פאַרטראַכט. און אין איהרע ווערטער איז ווידער ניט געוועזען קיין איין קלאַנג פון קלאָגען זיך. עס איז געוועזען גרינג צו בעמערקען, אַז אַ מענש האָט, בעטראַכטענדיג דאָס לעבען, אַ קוק געטהאָן אויף זיך און האָט זיך רוהיג איבערצייגט, אַז אום צו פאַרהיטען זיך פון שלעכטעס אין לעבען איז ער ניט אום שטאַנד אויסער „פֿגר'ן“.

מיר האָט שרעקליך געדריקט און געוועהטיגט אַזאַ סאָרט קלאָרקייט אין דענקען, און איך האָב געפיהלט, אַז אויב איך וועל שווייגען נאָך אַביסעל, וועל איך זיך געוויס פאַנאַנדער וויינען... און דאָס וואָלט געוועזען ניט אַזוי שען אין די אויגען פון אַ פרויענצימער, נאָך מעהר וואָלט דאָס ניט געפּאַסט צוליעב דעם, וואָס זי וויינט דאָך ניט. איך האָב בעשלאָסען צו מאַכען אַ געשפּרעך מיט איהר.

— ווער האָט דאָס דיך אַזוי צוהרגעט? — האָב איך זי געפרעגט, ניט געפינענדיג קיין קליגערע פראַגע.

— אַלץ דער זעלבער פּאַשקע — האָט זי הויך געענטפערט,

— ווער איז ער דאָס?

— אַ געליעבטער... אַ בעקער...

— אָפט שלאָגט ער דיך?

— אָפט, ווען ער טרינקט זיך נאָר אָן...!

זי האָט זיך פּלוצלונג צוגערוקט צו מיר און האָט אָנגעהויבן דערצעהלען וועגען זיך, וועגען פּאַשקע'ן און וועגען דעם, וואָס צווישען זיי קומט פאָר. זי איז „אַ מיידעל פון די מיידלעך, וועלכע“... און ער איז אַ בעקער מיט געלע וואָנסען און שפּילט זעהר שען אויף אַ האַרמאָניע. ער פּלעגט קומען צו איהר אין „אַנשטאַלט“ און איז איהר זעהר געפעלען געוואָרען, ווייל אַ מענש איז ער אַ פרעהליכער און געהט ריין געקליידט. צוליעב דיזע אורזאַכען האָט זי זיך אין איהם פערליעבט, און ער איז געוואָרען ביי איהר אַ „קרעדיטנער“ און ווען ער איז געוואָרען ביי איהר אַ „קרעדיטנער“, פּלעגט ער שוין צונעהמען ביי איהר אַפילו דאָס געלד, וואָס אַנדערע געסט פּלעגען איהר געבען אויף קאָנפּעטען, און ווען ער פּלעגט זיך אָנטרינקען פאַר דאָס דאָזיגע געלד, פּלעגט ער זי שלאָגען — דאָס וואָלט נאָך ניט אויסגעמאַכט — ער האָט זיך אָבער אָנגעהויבן „פּלאָנטערען“ פאַר איהר אין די אויגען מיט אַנדערע מיידלעך...

— איז דאָס פאַר מיר ניט קיין בעליידיגונג? איך בין דאָך ניט ערגער פון וואָסערע אַנדערע. הייסט דאָך דאָס, אַז ער לאַכט זיך אויס פון מיר, דער „פּאָדליעץ“. נעהער נעכטען, לבּשל, האָב איך זיך איינגעבעטען ביי די בעל הבית'טע, זי זאָל מיך לאָזען געהן שפּאַצירען, און איך בין אוועק צו איהם, און ביי איהם זיצט גאָר דונקאַ אַ שכּורה. און ער אַליין איז אויך שכּור. איך זאָג איהם. „אַ „פּאָדליעץ“ ביזטו, אַ שוּליק!“ האָט ער מיך צוהרג'עט פון קאָפּ ביז די פיס.

— אי מיט קלעפּ, אי פאַר די האָר — אויף אַלערליי אופנים...

דאָס איז נאָך אַלץ גאָר נישט! אָבער ער האָט מיינע קליידער אין גאַנצען צעריסען... וואָס וועט דאָס איצטער זיין? מיט וואָס פאַר אַ צורה וועל איך מיך פיר דער בעל הבית'טע ווייזען? אין גאַנצען האָט ער מיך אַרומגעריסען: אי די קלייד אי די קאָפּטע — נאָך גאָר אַ נייע געוועזען... פינף רובעל געקאָסט! אַפילו דאָס טיכעל פון קאָפּ אַראָפּגעריסען... גאָט מיינער. וואָס וועט דאָס איצטער זיין? — האָט זי זיך פּלוצלונג פאַנאַנדערגעוויינט מיט אַ קלעגליכען צובראָכענעם קול.

און דער ווינד האט געברומט, ווערענדיג אלץ שטארקער און קעלטער... מיינע צאהנער האבען ווידער אנגעהויבען טאנצען. און זי האט זיך אויך געקארטשעט פון קעלט און האט זיך אזוי נאהענט צוגערוקט צו מיר, אז איך האב שוין געקענט בעמערקען דאס בלישצען פון איהרע אויגען.

— וואס פאר א פאדליעצעס זייט איהר מאנסביל, אלע. אלעמען וואלט איך אייך צעטראטען, צעקאליעטשעט. עמיץ פון אייך וואלט פגר'ן... א שפיי וואלט איך איהם אין צורה געטהאן, אהאר ניט געשואלעוועט! מאוסע בעשעפעניסען!.. פריהער בעט איהר זיך, דרעהט מיט'ן עק ווי א הונד, און ווי נור א נארעלע גיעט זיך אייך אונטער, איז פארטיג דער עסק! גלייך הויבט איהר זי אן טרעטען מיט די פיס...

געזידעלט האט זי זיך אויף אלערליי אופנים, נאר אין איהר זידלעריי איז קיין שום קראפט ניט געיועזען: איך האב אין איהם ניט געהערט ניט קיין פערהאסונג, ניט קיין כעס צו די „פאדליע-צעס. אין אלגעמיין, איז דער טאן פון איהר רעדען געוועזען פיעל שטילער ווי געפאסט פאר אזא אינהאלט און די שטים איז געוועזען זעהר ארעם אין קלאנגען.

נאר דאס אלץ האט אויף מיר געווירקט שטארקער פון אלע בערעדזאמסטע און קליגסטע פעססימיסטישע ביכער און רעדעס, וועלכע איך האב ניט וועניג געהערט אי פריהער אי שפעטער און הער און לעז נאך עד היום. און דאס איז נור צוליעב דעם, וואס די שמערצען ביים גוסס'ן זענען אלע מאל נאטירליכער און שטארקער אפילו פון די ריכטיגסטע בעשרייבונ-גען פון טויט.

מיר איז געוועזען זעהר שלעכט, — געוויס, מעהרער פון קעלט, ווי פון מיין שכנת'עס רעדע. איך האב אנגעהויבען שטיל צו זיפצען און סקריפען מיט די צאהנער און כמעט אין דער זעלבער מינוט האב איך דערפיהלט אויף זיך צוויי קאלטע קליינע הענדלעך, — איינע האט זיך אנגעריהרט אן מיין האלז, די צווייטע האט זיך מיר געלעגט אויף'ן געזיכט און צוזאמען מיט דעם האב איך דערהערט אן אומעטיגע, שטילע פראגע:

— וואס איז מיט דיר?

איך בין געוועזען גרייט צו קלערען, אז דאס פרעגט ביי מיר עמיץ אנ׳ אנדערער און ניט נאטאשא וועלכע האט נאר וואס געזאגט, אז אלע מאנסבילען זענען פאדליעצעס, און האט געוואלט, אז זיי אלע זאלען א כפרה ווערען. נאר זי האט זיך שוין גאר אנדערס פאנאנדערגערעדט...

— וואס איז מיט דיר? א? קאלט, וואס? עס פריהרט דיך? עך, וואס פאר א מענש דו ביזט! זיצט און שווייגט... האסט דאך מיר פריהער געקענט זאגען, אז דיר איז קאלט... נו... לייג זיך אויף דער ערד... ציה זיך אויס.. זאן איך וועל מיך אויך לייגען... אט אזוי! איצטער נעם מיך ארום מיט די הענט... שטארקער... נו, אט איצטער דארף דיר שוין ווארימער זיין.. און דערנאך — וועלען מיר זיך מיט די פלייצעס איינער צום צווייטען לעגען... מיר וועלען ווי עס איז אריבער פטר׳ן די נאכט, ניש קשה. וואס טהוט זיך איצטער מיט דיר? זאג.. האסט אנגעהויבען שכור׳ן, וואס? מען האט דיך פון ארט ענטזאגט?.. ניש קשה!..

זי האט מיך געטרייסט... זי האט מיר מוטה צוגעגעבען...

זאל איך מיט א דרייפאכע קללה פערשאלטען ווערען! — וויפיעל איראניע איבער מיר איז אין דעם איינציגען פאקט געלעגען! בעקלערט נאר! — איך בין דאך אין יענע צייט געוועזען ערענסט פערדאגה׳ט מיט וועלטליכע פראגען וועגען דער גאנצער מענשהייט, איך האב פאנטאזירט וועגען אנדערע סאציאלע ארדנונגען, וועגען פאליטישע פערענדערונגען, האב געלעזען אלערליי ממזר׳שע קלוגע ביכער, אין וועלכע עס האט זיך גערעדט וועגען א זעלכע טיעפע געדאנקען, וועלכע זענען געבליבען אומפערשטענדליך געווים אפילו פאר די שרייבער אליין — איך האב אין יענע צייט געוואלט פון זיך אויסארבעטען „א גרויסע ארבייט־קראפט", און יעצט האט מיך דאס געווארימט א פרוי מיט איהר קערפער וועלכע האנדעלט מיט זיך, אנ׳ אומגליקליכע, פערשטעמטע, פעריאגטע בעשעפענים, וואס האט ניט קיין ארט אין לעבען און האט קיין שום ווערטה ניט, און וועלכען איך האב זיך

ניט געכאפט צו העלפען פריהער, איידער זי האט מיר אליין געהאלפען, און אז איך וואלט זיך שוין יע געכאפט, ווייס איך אויך ניט, צי איך וואלט איהר גאר קענען העלפען...

אך, איך בין גרייט געוועזען צו קלערען, אז דאס אלץ קומט פאר מיט מיר אין חלום, אין א משוגה'דיגען חלום, אין א שווערען חלום..

ליידער האב איך דאס אבער ניט געקענט קלערען, ווייל אויף מיר האבען זיך געשאטען קאלטע טראפענס רעגען, זוא מיין ברוסט האט זיך צוגעפרעסט א ברוסט פון א פרויענצימער און אויף'ן פנים האב איך געפיהלט איהר ווארימען אטהם, אפילו מיט א ריח פון בראנפען... דאך — נעהר א לעבהאפטיגער... דער ווינד האט געיאמערט און געקרעכצט, דער רעגען האט געקלאפט אויף'ן שיפעל, די וועלען האבען זיך געפאטשט, און מיר ביידע, פעסט דריקענדיג איינער דעם צווייטען, האבען זיך אלץ געטרייסעלט פון קעלט. דאס אלץ איז געוועזען זעהר רעאל, און איך בין איבערצייגט, אז קיינער האט ניט געזעהן אזא שווערען און שלעכטען חלום, ווי די דאזיגע ווירקליכקייט.

און נאטאשא האט אלץ גערעדט וועגען עפעס, זי האט גערעדט אזוי ווארים און ליעבליך, ווי נאר פרויענצימער קענען רעדען. אונטער דעם איינדרוק פון איהרע נאיווע און ליעבליכע רייד, האט זיך ביי מיר אינוועניג א פייעריל אנגעצונדען, און פון איהם איז עטוואס אין מיין הארצען צוגאנגען געווארען.

דאמאלס האבען זיך טרערען טייכען־ווייז א גאס געטהאן פון מיינע אויגען, און די טרערען האבען אראפגעוואשען פון מיין הארצען פיעל האס, נארעשקייטען, אומעט און שמוץ, וואס עס איז אויף איהם אנגעוואקסען ביז דער נאכט... נאטאשע האט שוין מיר אנגעהויבען איינרעדען:

— נו, גענוג, טייערינקער, ניט יאמער! גענוג! גאט וועט געבען, וועסט זיך פאפראווען, וועסט ווידער קריגען אנ' ארט... און אלץ...

און זי האט מיך נאכאנאנד געקושט.. געקושט היים און אהן אנ'אויפהער...

דאָס זענען געווען די ערשטע קושען פון אַ פּרויענצימער, וועלכע דאָס לעבען האָט מיר געשאָנקען, און דאָס זענען געווען די בעסטע קושען, ווייל די אַלע צוקינפטיגע האָבען מיר זעהר טייער געקאָסט און האָבען מיר גאָר נישט געגעבען.

— נו, ניט יאָמער־זשע, נאַר איינער! איך וועל דיך מאָרגען ווי עס איז איינאָרדנען, אויב דו האָסט ניט וואו אַהין צו טהון זיך... אַזוי ווי פון שלאָף האָב איך געהערט אַ שטילען בערוהיגענדיגען שעפּטשען...

... ביז פאַרטאָג זענען מיר געלעגען אַרומגענומען איינער דעם צווייטען...

און ווען עס איז ליכטיגלעך געוואָרען, זענען מיר אַרויסגעקראָכען פון אונטערען שיפעל און זענען אַוועק אין שטאָדט... נאָכדעם האָבען מיר זיך פריינדליך געזעגענט און מיר האָבען זיך מעהר קיינמאָל ניט בעגעגענט, האָטש איך האָב ביז אַ האַלב יאָהר געזוכט אומעטום די ליעבליכע נאַטאַשאַ, מיט וועלכע איך האָב פאַרבראַכט די בעשריבענע נאַכט איינמאָל אין הערבסט...

אויב זי איז געשטאָרבען — ווי גוט דאָס איז פאַר איהר! — דאַמאָלס רוהט זי אין איהר קבר! און אויב זי לעבט — זאָל איהר נשמה רוהיג זיין, און זאָל זיך ניט אויפכאַפּען אין איהר דאָס בעוואוסטזיין פון אַ געפאַלענע... ווייל דאָס וואָלט איהר געבראַכט איבעריגע און אונגוציגע ליידען אין לעבען...

„דער גרויספֿיהר".

צווישען די ווייסע שטיבעליך פֿון דער דארפֿישער גאס, ציהט זיך אַ ווילדע פּראָצעסיאָן מיט אַ שרעקליכען גערויש.

לאַנגזאַם ציהט זיך אַ געדיכטע מאַססע, בעוועגט זיך ווי אַ גרויסע חוואַליע, און איהר פֿאָראויס געהט טריט־ביי־טריט אַ הומאָריסטיש־צוקודעלט־פּערדעל, ניעדעריג אַראָב געלאָזען דעם קאָפּ. ווען עס הייבט אויף איינעם פֿון זיינע פֿאָדערסטע פֿיס, טרויסעלט עס אַזוי מאָדנע מיט דעם קאָפּ, פּונקט ווי עס וואָלט וועלען אַריינקריכען מיט זיין צו קודעלטע גראָדע אין דעם שטויב פֿון וועג, און ווען עס שטעלט איבער דעם הינטערשטען פֿוס לאָזט זיך זיין גאַנצער גוף אַזוי ניעדעריג אַראָב צו דער ערד, אַז עס דאַכט זיך, אַז אָט שוין פֿאַלט עס אַוועק.

צום פֿאָדערטהייל פֿון וואָגען, איז צו געדרעהט מיט אַ שטריק פֿאַר די הענד אַ קליינע, אין גאַנצען אַ נאַקעטע יונגע פּרויענצימער, כּמעט אַ מוידעלע. זי געהט עפּיס מאָדנע, מיט אַ זייט; איהר קאָפּ, אַ בעדעקטער מיט געדיכטע צעוואָרפֿענע בלאָנדע האָאָר, איז אויפֿגעהעבען אין דער הויך, און אַביסעל פֿערוואָרפֿען אַהינטער; די אויגען זענען ברייט פֿענאַנדער געעפֿענט און קוקען ערגיץ וויים מיט אַ טעמפּען, גלייכגילטיגען בליק, אין וועלכען עס געפֿינט זיך נישט קיין פֿונק מענשליכעס...

איהר גאַנצער קערפּער איז בעדעקט מיט בלאָהע, בלוטיגע ציכענ'ס. די לינקע, יונגע, פֿולע ברוסט איז צעשפּאָלטען און עס טריעפֿט פֿון איהר בלוט... דאָס בלוט ציהט זיך אַראָב. ווי אַלאַנ־גער פֿורפּיר־פֿאַס איבער'ן בויך ביז'ן קניע, פֿון דער לינקער פֿוס, וועלכע איז ניעדעריג בעדעקט מיט גאַנצע שטיקער שטויב פֿון אַברוינעם קאָליר, וואָס זענען אָנגעוואַקסען אויף דער פֿליסיג־קייט. עס דאַכט זיך, אַז פֿון דעם פּרויענצימער'ס קערפּער איז אַראָב געריסען אַ שמאָלער לאַנגער פֿאַס הויט, און וואַהר־שיינליך האָט מען זי לאַנג געשלאָגען איבער'ן בויך מיט אַ שטיק

האַלז, ווייל ער איז געווען מורא'דיג אנגעשוואָלען און שרעקליך בלאָה.

די שענע און קליינע פיס פון דער פרויענצימער, שלעפען זיך איבער'ן שטויב, איהר גאַנצער קערפער איז שרעקליך אויפגעבויגען און שאָקעלט זיך, און מען קען בשום אופן נישט פערשטעהן, ווי אַזוי זי האַלט זיך נאָך איין אויף איהרע צעבלוטיגטע פיס, ווי אַזוי זי פאַלט נאָך נישט, און שלעפט זיך נאָך נישט איבער דער שטויביגער, וואַרימער ערד...

אויפ'ן וואָגען שטעהט אַהויכער בויער אין אַ ווייסער העמד, אין אַ שוואַרצען פעלצענעם היטעל, פון אונטער וועלכען עס הענגט אַראָב אַ קרייזעל געלע האָאר, וואָס שניידט איבער דעם שטערען; אין איין האַנד האַלט ער די לייצען, אין דער צווייטער — אַבייטש, און שמייסט רעגעלמעסיג אַמאָל איבער'ן פערד'ס פלייצע און אַמאָל איבער'ן קערפער פון דער קליינער פרויענצימער, וואָס איז שוין אָהן דעם אויך אַזוי פיעל דערשלאָגען, אַז זי האָט שוין פערלאָרען דאָס געשטאַלט פון אַ מענשען. די אויגען פון בויער זענען אָנגעגאָסען מיט בלוט און פינקלען מיט בייזער פרייד; די אַרבעל פון העמד, וואָס זענען פערקאַשערט ביז די עלענבויגענס, בעווייזען שטאַרקע מוסקעלען פון די הענד, וואָס זענען בעוואַקסען מיט האָאר; זיין מויל איז אָפען, אָנגעפילט מיט שאַרפע, ווייסע צאָהנער. צייטענווייז שרייט דער בויער אַרויס מיט אַ הייזעריגער שטים:

— נ־נו... מכשפה!.. העי! נ־נו! אהאַ! אַזוי ברודער, אַ יאָ?!...

און הינטער דעם וואָגען מיט דער צוגעבונדענער פרוי, שיט זיך רעדליך־ווייז אַ מחנה מענשען, וועלכע שרייט, וואָי ט, פייפט, לאַכט און רייצט איהר... עס לויפען יונגעליך... ט פערלויפט איינער פון זיי פאָראויס און שרייט איהר גלייך אין פנים אוים שענדליכע ווערטער. דאַמאָלס רייסט זיך אַרויס אַ געלעכטער פון דער מאַססע און פערטויבט אַללע איבעריגע קולות און אויך דעם דינעם פייף פון דער בייטש אין דער לופטען...

עס געהען פרויען מיט אויפגעבערענטע פנים'ער פון פערגעניגע

גען; עס געהען מאנסביל און שרייען גראבע ווערטער צו דעם, וואס שטעהט אין וואגען... יענער קעהרט זיך אב צו זיי, און קייכט זיך פון געלעכטער מיט א ברייטען אפענעם מויל, א שמיטץ טהאענדיג מיט'ן בייטש איבער דעם פרויענצימער'ס קערפער. דער לאנגער, דינער בייטש דרעהט זיך ארום איהר קערפער און פערהאפט איהר אונטער'ן ארעם. דאמאלס דערלאנגט דער בויער, וואס שלאגט. א שטארקען ציה דעם בייטש צו זיך; די פרויענצימער דערלאנגט אווילדען געשריי, גיעט זיך אווארף אויף הינטען, און פאלט מיט'ן רוקען אויף'ן שטויב... פיעל פון דער מאססע שפרינגען אונטער צו איהר, בייגען זיך אן איבער איהר און פערשטעלען זי מיט זייערע קערפערס.

דאס פערד שטעלט זיך אב, אבער אין א מינוט ארום געהט עס ווייטער, און די פרויענצימער, אין גאנצען א צעשלאגענע, שלעפט זיך וויעדער נאכ'ן וואגען. און דאס פערדעל געהט זיך לאנגזאם און שאקעלט נאך אנאנד מיט זיין צעשויבערטען קאפ, פונקט ווי עס וואלט וועלען זאגען:

— א, ווי שענדליך עס איז צו זיין א בהמה! אין יעדער ניעדערטרעכטיגקייט קען מען דיך נעמען צו נעהמען אין אנטהייל...

און דער הימעל, דער דרום הימעל, איז דערוויל פאל־קאם ריין, עס זעהט זיך קיין איינציג וואלקענד'ל נישט, און די זומערדיגע זונן גיעסט פון אויבען טייכען־וויז ברענענדיגע שטראהלען...

. . . .

דאס האב איך אנגעשריעבען נישט קיין משל, וועלכער שטעלט פאר, ווי אזוי דער אמת ווערט פערפאלגט און געמא־טערט — ניין, צום בעדויערען איז דאס נישט קיין משל.

דאס רופט זיך „דער ארויספיהר". אזוי בעשטראפען די מאננען זייערע פרויען פאר אונטריי‌הייט. דאס איז אריכטיג בילד פון לעבען, וואס איז שוין פון לאנג אן איינגעפיהרט — און איך האב עס צוגעקוקט אין דעם 15־טען יולי 1891 יאהר אין דארף קאנדייבאווקא, כערסאנער גובערניע.

מ. גארקי.

אויף די פּליטען שווימענדיג.

פון מ. גארקי.

I.

אויבען איבער דעם פערשלאפענעם טייך קריכען פּאוואליע שווערע וואלקענס. זיי לאזען זיך, דוכט זיך, אראב אלץ ניעדריגער און ניעדריגער. די צעריסענע, שארע ברעגען זייערע, ווייט אין דארטען, ריהרען, דוכט זיך, אין דאס אויבערשטע פון די שנעלע, מוטנע, וועסנעדיגע חוואליעס. די וואלקענס שטעהען דארטען, פון הימעל ביזין וואסער, ווי א געדיכטע וואנד, און לאזען ניט דורך — ניט דעם טייך, ניט די פליטען.

די חוואליעס סטארען זיך אונטערצוגראבען די וואנד: קיין פעולה ניט. זיי שלאגען זיך אין איהר אב מיט א שטילען, רחמנות'דיגען ברום. די וואנד שטויסט זיי אב צוריק, און זיי צעלויפען זיך רעכטס און לינקס, אהין, וואו עס הויערט די פייכטע פינסטערניש פון דער פרישער וועסנע-נאכט.

אבער די פליטען שווימען זיך זייער וועג אהן אבשטעל. די וואלקענדיגע וואנד פאראויס רוקט זיך מיט יעדען שווים אב אלץ ווייטער און פאלט אריין אין די שווערע ביינאכטיגע פינסטערניש.

די טייך-ברעגען זעהט מען ניט. די נאכט האט זיי פערשטעלט און דאס וועסנעדיגע גרויסוואסער האט זיי אבגערוקט פון ארט.

דער טייך איז א ים. דער וואלקענדיגער הימעל אויבען איז

שוועד, פייכט און אונמוטהיג. די וועלט ארום איז טויט און שאר, אָהן לופט, אָהן העלע קאָלירען.

שנעל און שטיל גליטשען זיך די פליטען איבער'ן וואסער. פון דער פינסטערניש ארויס קריכט זיי אַנטקעגען א דאמפפער, ארויסשיטענדיג דורכ'ן קוימען א חאָליאַסטרע לוסטיגע פינקען און געבענדיג מיט די רעדער א טעמפען בריאַזשג אין וואסער.

די צוויי רויטע לאַנטערנעס ביי די זייטען ווערען וואָס ווייטער גרעסער, העלער. די לאַנטערנע אויפ'ן מאַסט־בוים שאָקעלט זיך שטיל, דאָס אין איין זייט, דאָס אין די אַנדערע, און ווינקט דער פינסטערניש געהיימניספול צו. די גאַנצע שטרעקע ווערט אָנגעפולט מיט דעם גערויש פון דעם צעשטויסענעם וואסער און מיט דעם לאָקאָמאָטיוו'ס שווערען אָטהעם.

— היי־יט זי־יך! — צעטראָגט זיך פון די פליטען א שטאַרקעס, ברוסטיגעס געשריי,

ביי'ם רודער פון דעם הינטערשטען פליט שטעהט מ י ט י א, דער סוחר'ס צוויי־און־צוואַנציג־יעהריגער זון, און ס ע ר ג י י, זיין מענש. מ י ט י אַ האָט א פינסטערליך פנים: ער קוקט־אויס קרענקליך און פערטראכט. ס ע ר ג י י איז א געזונדער חברה־מאַן, מיט א ביזיליכען פנים, בעוואַקסען מיט א וואלד רויטע האָר, פון וואנען עס זעהען זיך ארויס שטאַרקע, גרויסע ציינער. די אויבערשטע ליפ איז אויפגעפענט און פעררייסען ארויף־צו מיט אַן אָבלאַבערישער מינע.

— לינקס נעהמט אייך, לינקס! — דערטראָגט זיך א צווייטעס געשריי פון די פאָדערסטע פליטען, אז די פינסטערניש הויבט זיך אָן טרעסלען.

— מען וויס עס אָהן דיר!.... רייסט זיך אויפ'ן בויך!... — בורטשעט ס ע ר ג י י אונצופריעדען און, א זיפץ־טהונדיג, שפאַרט ער זיך אָן מיט דער ברוסט אין ווערלע.

— אָ־און! שטאַרקער קעדרעווע, מיטיוק, שטאַרקער!

מ י ט י א שפאַרט זיך אָן מיט די פיס אין די נאַסע קלעצער; ער ציהט צו זיך מיט זיינע דינע הענד דעם שאַכט פון רודער און פערגעהט זיך מיט א הייזעריגען הוסט,

— טרייב! לינקער נעהם זיך! ... חאַפּט איך דארטען דער רוח!.. — שרייט מען פון פאָרענט אַ ביסעל דערשראָקען און מיט כעס.

— סטו'געהערט? רייסט זיך! דער בֶּנ'אָק דיינער, דער דעריקער גבר, קאָן אפילו אַ שטרוי אָן קניע ניט צעברעכען. געפינען וועמען אַניערערצושטעלען ביים רודער... אונ ער שרייט נאָך אויף דעם גאַנצען טייך. אָט מיט דעם שנורעלע זינדיגען — דערויף איז ער אַ בעלן... דינגען נאָך אַ מענשען — דאָס האָט זיך דער קארגער הונד ניט געקאָנט פערגינען... איצט רייס זיך דיר אויפ'ן האַלז! ...

ס ע ר ג י י בורטשעט שוין איצט אין דער הויך. אפּנים, ער האָט גאָר קיין מורא ניט, מען זאָל דערהערען. קאָן זיין, ער וויל עס גאָר.

דער דאַמפּפער פליהט פארביי די פליטען, אראָב־קעהרענדיג מיט קולות די שומיגע חוואַליעס פון אונטער די רעדער. די קלעצער הושקען זיך אום, די לאָזע־צווייגען, וואָס בינדען זיי צונויף אין די פליטען, סקריפּען זיך פארנאַנדער מיט אַ פייפטען, שניידענדען געוויש.

די ליכטיגע פענסטער קוקען־אראָב אויפ'ן טייך און אויף די פליטען, אַזוי ווי אַ צייל פייערדיגע אויגען; זיי שפּיעגלען זיך אָב אין דעם אויפגעבורעטען וואַסער, אַזוי ווי העלע, ציטערנדע פלעקען, און פערשווינדען.

די חוואַליעס קלאַפּען זיך אָב אָן די פליטען און פלעטשערן שטאַרק. מ י ט י אַ שאָקעלט זיך אויף די פיס אונ דריקט זיך שטאַרק צו צום רודער, מורא האָבענדיג, ער זאָל ניט פאַלען.

— ען, ס'אַרא טענץ ער גיט עס אַביסעל, — בורטשעט ס ע ר ג י י מיט שפּאָט, — און באַלד וועט אויף דיר דער טאַטע ווידער אַ געשריי טהון... אַ ניט וועט ער דיר אַקאָרשט אראָבלאָזען אַ טשמאַק, אַז דו וועסט טאַקי פערטאַנצען אויף אַן אמת! רעכטס נעהם זיך. נו, אַ בריה'ק...

און מיט זיינע ריהרעוודיגע הענד, אַזוי ווי שטאָהלענע פרוזשינעס, קעהרט ער זיין ווענלע, אויף טיעף צעהאַקענדיג

דאָס וואסער. ער שטעהט, אַזוי ווי ער וואָלט געווען צוגעשמידט מיט זיינע באָרפֿיסע פֿים צו די קלעצער, און קוקט פֿיר זיך מיט אַ מינע פֿון חווק מאַכען אַרום מויל און מיט אַ פּאָזע פֿון שטאַרקער אָנשטרענגונג אין גוף. ער איז יעדע רגע, ווען מען זאָל נאָר דאַרפֿען, בערייט צו פֿערקעהרעווען דעם פּליט אין די נויטהיגע זייט.

— זעה אַקאָרשט, ווי דיין טאַטע נעהמט עס אַרום מאַרקען!... אַ רוח מעג טאַקי אַריין אין זייערע ביינער אַריין!... חאַ׳לטען זיי זיך גאָר אַ האָר שעמען, חאַ׳לט זיי נאָר פּרובען אַרען, וואָס לייט וועלען אויף זיי רעדען... ניין, דו זאָג מיר נאָר, מיטיא, וואָס היניעסטו דאָ נאָך אַלעם דעם? פֿאַר וואָס געהסטו, אין אַלדי שוואַרצע יאָהר, ניט אַוועק פֿון אַזוינע הולטאַיעס? אויף וואָס נאָך דאַרפֿסטו עס צוקוקען מיט דיינע אייגענע אויגען? האַ? וואָס זאָגסטו דערויף, צי דו הערסט גאָר ניט, וואָס מען רעדט צו דיר?

— איך הער! — רופֿט זיך מיטיא אָב שטיל, אָהנע צו קוקען אַהין, וואו סערגיי זעהט זיין טאַטען.

— כ׳הע־ער!... ער הערט דאָך... היינט וואָס נאָך וויל מען פֿון איהם האָבען? אך, דו בולאַך, דו בולאַך... שטיק נבלה וואָס דו ביזט. — סערגיי צעלאַכט זיך איראָניש.

— אַ שיין שטיקעל עסק, כ׳לעבען — פֿאַנגט ער ווייטער אָן, גערייצט פֿון מיטיאַ׳ס גלייכגילטיגקייט. — דער אַלטער, ניט צו פֿערזינדיגען, איז אויך אַ גאָר נישקשה׳דיגער מנובל... פֿריהער מאַכט ער דעם זוהן חתונה, דערנאָך נעהמט ער און נעהמט ביי איהם אָב דאָס ווייב!... פֿע, אַן אַלטער דבר־אחר!

מיטיאַ שווייגט און קוקט אַרינטער אויפֿ׳ן טייך, וואו עס הייבט זיך אויף אַ צווייטע וואָלקענדיגע וואַנד. איצט הענגען שוין די וואָלקענס אומעטום, און עס דוכט זיך, אַז די פּליטען שווימען ניט, נאָר זיי זענען געבליבען שטעהן אונ־בעוועגליך אין דער מיט פֿון וואָלקענס פֿערשטיקטע; געדיכטעס, שוואַרצעס וואַסער פֿערצאַהמט זיי פֿון אַלע זייטען. דער טייך זעהט־

אוים ווי אַ טיעפע בלאָטע אָהן אַ דעק, אַרום און אַרום אַרומ־גערינגעלט מיט בערג, הויבע ביזין הימעל, און אַרומגעהאַנגען מיט אַ געדיכטען טומאַניגען שלייער. אַ דריקענדע שטילקייט הערשט אין דער גאַנצער אַרומיגער וועלט. דאָס וואַסער, גלייך ווי עס וואָלט געוואַרט אויף עפּעס מיט אַ פערהאַפּטען אָטהעם, בּוטשעט זיך קוים אָן די פּליטען. אין דעם איינציגען שטילען, קלעגליכען גערויש, וואָס מאַכט נאָך מעהר קענטיג די בּיינאַכטיגע שטילקייט, הערט זיך עפּעס אַן אונמוטה, אַ שרעקעדיגעס פרעגען...

— וואָלט חאָטש אַ בלאָז געטהון אַ ווינד...— רעדט ווידער סערגיי. ניין, בּעסער זאָל ניט זיין קיין ווינד — וואָרום אַ ווינד וועט נאָך ברענגען אַ רעגען. — ווידער־שפּרעכט ער זיך זעלבּסט און, אונטערקרעכצענדיג, שטאָפּט ער אָן די פּיפּקע.

ער פּלאַכט אויף דאָס אָנגעצונדענע שוועבעלע, עס חריפּעט דער פערלעגטער טשובוק. דאָס אויפהאַפּענדיג זיך און דאָס פערלעשענדיג זיך, בּעלויכט דאָס רויטע פייערל פון פּיפּקע סערגיים אַלע רגע אין די פינסטערניש זינקענדעס בּרייטעס פּנים.

— מיטיא! — הערט זיך זיין שטים ווידער אַמאָל. עס איז, קענטיג, שוין ניט אַזוי בּייז איצט, דאָס לאַכען אין זיין קול הערט זיך איצט קלאָרער.

— הא? — ענטפערט מיטיא אויף אַן אונטער־קול, ניט אָבּרייסענדיג זיינע אונמוטהיגע אויגען פון דער ווייטקייט, וואו זיי קוקען אַנגעשטרענגטערהייט.

— ווייסטו וואָס, בּרודערקע, דו דערצעהל מיר דערקאָרשט, ווי אַזוי דאָס איז געוועזען.

— וואָס? — ענטפערט יענער אונצופריעדען.

— די חתונה דיינע! — מען דאַרף דאָך צעקישגזעט ווערען לאַכענדיג! דו'כט אַ מאָהל דערצעהלען?... הייסט עס, בּיזט מיט דעם ווייב אַוועק שלאָפען? די ערשטע נאַכט? נו, ווי דען?! חאַ, חאַ, חאַ!

— העי, איהר דארטען, וואס האט איהר זיך פארנאנדער־געהירזשעט? גיט אכטונג, ווי אזוי איהר שווימט! — צעטראגט זיך איבערן טייך א דראהענדער צורוף,

— ען, ווי ער רעוועט עס אביסעל, דער פאסקודנער בעל־עברה'ניק, די האלערע טרעף איהם! — בעמערקט סערגיי ענטציקט און נעהמט זיך ווידער פאר דעם אינטערעסאנטען שמועס.

— ווערסט שוין אמאל דערצעהלען, מיטיוק? דערצעהל שוין, נו, וואס איז דארטען אזוי?

— לאז דאך א מאל צורוה, סערגיי, האסט דאך שוין געהערט... — שעפטשעט מיטיא מיט א געבעט. ער ווייסט אבער, אפנים, אז פון סערגייען איז זיך נים אבצושעפען, און ער פאנגט שנעל אן:

— גארנישט... מיר זענען געקומען שלאפען. זאג איך צו איהר: איך קאן ניט, זאג איך, מאריע, זיין מיט דיר ווי א מאן מיט א ווייב. דו ביזט א געזונד מיידעל, און איך בין א קראנקער, א סוחאטניק. עס קאן נאך זיין, אז איך האב גאר אפילו ניט געוואלט חתונה האבען, נאר דער טאטע, זאג איך, האט זיך צו מיר צוגעזעצט. ער האט מיך פשוט געצווינגען חתונה האבען: האב חתונה, שרייט ער, אהן טענות! איך זאג איהר, איך האב אייך, ווייבער, כלל וכלל נים ליעב, דיך אודאי נים... דו ביזט מיר א צו פרעהליכע... יא... היינט, קאן איך דאס גאר נים... פערשטעהסט, איך קאן עס ניט... איך בין ניט ביכולת... ס'איז דאך גישט מעהר ווי א מיאוסקייט, א עברה... פעהלט נאך קינדער... קנאפ נאך פאר זיך אליין, נאך דארפען פאר זיי אויך אבגעבען דין וחשבון פאר'ן בורא...

— א מיאוסקייט נאר! — ענטפערט סערגיי מיט א קוויטש און לאכט זיך חויך פארנאנדער. — און זי וואס? מארקע?...

— עט, מארקע... זי זאגט צו מיר, זאגט זי, טא וואס זשע זאל איך איצטער טהון?... גארנישט, זיצט און וויינט.

מיט וואָס, זאָגט זי, האָב איך עס ביי דיר ניט אויסגענומען? וואָס בין איך עפּעס אַ מיאוסקייט צי אַ קאַליקע?... פּע, סערגיי, זי איז אַ חצופּה... היינט, איז זי נאָך דערצו אַ שלעכטע אויך. וואָס דען, זאָגט זי, זאָל אַזאַ געזונד מיידעל ווי איך איצט טהון? סיידען געהן צום שוועהר, וואָס? איך זאָג איהר, טהו זיך, ווי דו פערשטעהסט, שוועסטערקע... מעגסט זיך געהן, וואוהין דו ווילסט אַליין.., איך, זאָג איך איהר, קאָן דאָך געגען מיין נשמה ניט געהן... וואָלט איך דיך חאָטש האָלד געהאַט! אָבער אַזוי, וואָס הייסט? איך וועל זיך דאָך קיין מאָל ניט אויסלייטערן פון אַזאַ עברה!... וואָס עפּעס בין איך כיט דיר — אַ גוהאַי מיט אַ בהמה? — זאָג איך... וויינט... איהר האָט מיר, זאָגט זי, מיין מיידעלשע שיינקייט גע'פּטרט! מיר האָט אַזש פערקוועטשט דאָס האַרץ, אויף איהר קוקענדיג... נישקשה, זאָג איך איהר, דו'סט זיך ווי עס איז אָן עצה געבען. אַ ניט, זאָג איך, קאָנסטו ווערן אַ נאָנע... אַז זי האָט עס דערהערט, איז דאַוואַי זידלען זיך: „אַ גולם ביזטו, מיטקאַ, אַ פערד, אַ פּאַרך..."

— אַ, טאַ־אַ־טע־עלעך מיינע! — שעפּטשעט סערגיי מיט גרויס התפּעלות — האָסט איהר טאַקי אַזוי געזאָגט... זי זאָל, הייסט עס, געהן אין מאָנאַסטיר?

— יאָ, איך האָב עס איהר געזאָגט. — ענטפערט מיטיאַ נאַאיוו.

— און זי האָט דיך דערפאַר גערופען נאַר? — פרעגט סערגיי אין אַ העכערן טאָן.

— יאָ, זי האָט מיך געזידעלט.

— זעהר רעכט אויף דיר, ברודערקע, זעהר רעכט: זי האָט דיך נאָך געדאַרפט גוט אָנ'הרג'ענען אויך! — ביים סערגיי פּלוצלונג אום דעם טאָן. איצט רעדט ער שטרענג און אויסדרוקספול. — איך וואָלט נור גערן וויסען, ווי אַזוי קאָן זיך עס גאָר אַזאַ מענשעלע, ווי דו, אונטערשטעלען געהן געגען געזעץ, ווי אַזוי?... עהע, חכמ'ל מיינס, דו ווילסט זיין קליגער פון אַלעמען, ווילסטו?! ווי קומסטו גאָר איבערצוקלערען

אויף אַזעלכע זאַכען?... אָט אַזוי פיהרט זיך די וועלט, און גענוג!... ען, ער דינגט זיך גאָר! געזעהן אַ ביסעל אַן אויסגעקרימטע נשמה! איך וועל דיר זאָגען, וואָס דו ביזט: ביזט אַ שלים־מזל'ניק, א לא־יוצלח, אַ גאָרנישט, ניט צו גאָט און ניט צו לייט!... סט'געהערט א ביסעל, ער שיקט זי גאָר אין מאָנאַסטיר?! פערד גרויסער! וואָס מיינסטו דאַרף אַ מיידעל, אַדרבה וואָס? אַ מאָנאַסטיר דארף זי, אַ? נו, מענשען אַ ביסעל היינטיגע צייטען!... דו בערעבען נאָר, וואָס דערפון איז ארויסגעקומען! אליין ביזטו ני בע, ני מע, ני קוקורעקו; דאָס מיידעל האָסטו גע'פטרט — אַ שפּאָס ס'אַרא גליק דאָס איז, זיין ביי אַן אַלטען מאַן אַ ליובאָווניצע!... דעם מאַמען האָסטו אַריינגעשלעפּט אין אַ גרויסע זינד... אַ קליינינגקייט, לעבען מיט דער אייגענער שנור? דו בערעכען נאָר, וואָס פאַר אַ צרות דו האָסט אָנגעמאַכט, וואָס פאַר אַ זינד... איז האָסטו אַ קאָפּ, אַ קאָפּ מיט שכל!

— דאָס געזעץ, סערגיי, דאָס איז אַ נשמה־זאַך. דאָס געזעץ, ברודער, ליעגט אין דער נשמה. ס'איז נאָר איין געזעץ דאָ פאַר אַלעמען גלייך: טהו גאָרנישט נעגען דיין אייגענער נשמה, וועסטו שוין ממילא קיינעם קיין שלעכטס ניט טהון! — האָט מיטיאַ ארויסגערעדט שטיל און בערוהיגענד, אַ טרעסעלטהונדיג מיט'ן קאָפּ.

— הערסטו! דו האָסט דאָך אָבער יאָ געטהון שלעכטס! — האַפּט סערגיי ענערגיש אונטער. — אַ נשמה־זאַך! מע, מע, מע! מאַלע וואָס עס איז אין דער נשמה. אַלעס פערבאָטען קאָן מען ניט — מען קאָן ניט! עט, נשמה... נשמה... די נשמה, ברודער, דאַרף מען נאָר פערשטעהן, אָבער ווייטער...

— ניין, דאָס האָסטו געזאָגט ניט ריכטיג, סערגיי! — האָט מיטיאַ אָנגעהויבען היים, גלייך ער האָט זיך מיט אַ מאָל אָנגעצינדען. — די נשמה, ברודערקע, די נשמה איז אַלע מאָל ריין, ווי אַ טהויעלע. מעהר ניט, זי איז פערשטעלט פון איהר שאָלעכצעל, אָט דאָס זאָג! זי איז טיעף. דערפאַר אָבער, אז דו וועסט זיך צו איהר גוט צוהערען, וועסטו שוין

קיין מאָל ניט בלאָנדזשען. פאָלגסטו נאָר די נשמה, וועט שוין אַלעס ממילא אַרויסקומען ווי גאָט האָט געבאָטען. וואָרום, וואו איז גאָט? — אין דער נשמה איז ער. הייסט עס, אַז דאָס געזעץ איז אויך אין דער נשמה. גאָט האָט זי בעשאַפען, די נשמה, גאָט האָט זי אויך אַריינגעבלאָזען אין דעם מענשען. מען דאַרף נאָר קאָנען אין איהר אַריינקוקען. מען דאַרף נאָר קאָנען זיך ניט זשאַלעווען...

— העי, איהר דאָרטען, מלאכי חבלה איהר אייגע! קוקט, ווי איהר געהט דאָרטען! — האָט עס פאַרגאַנדערגע-טראָגען איבער'ן טייך ווי אַ דונער.

נאָך דער קרעפטיגער שטימע האָט מען געקאָנט פערשטעהן, אַז דאָס שרייט אַ געזונדער, ענערגישער, מיט זיך אַליין צו-פריעדענער מענש, אַ מענש מיט אַ שטאַרקער, פון זיך אַליין אָנערקענטער לעבענספעהיגקייט. עס איז געוועזען קענטיג, אַז דאָס געשריי איז ניט געוועזען דערפאַר, ווייל נאָך עמיצער איז געשוואומען מיט'ן טייך און מען האָט זיך געדאַרפט היטען, נאָר דערפאַר, ווייל די זעל פון דעם שרייער איז געוועזען אָנגעפולט מיט עטוואָס לוסטיגעס און קרעפטיגעס, און דיעזעס עטוואָס האָט זיך געבעטען, האָט זיך געריסען אויף די פרייהייט און האָט אַרויסגעפלאַצט מיט דיעזען דונערנדען, ענערגישען געשריי...

— ען, ווי ער האָוקעט עס אַביסעל, דער אַלטער שד! — האָט סערגיי בעמערקט מיט הנאה און האָט מיט אַ שמייכעל אַ וואָרף געטהון אַ שאַרפען בליק פאָראויס.

— ווי זיי חנ'ען זיך עס, טייבעלעך טייערע, ווי ליעבליך זיי שפּיעלען זיך! און דו, מיטיא, ביזט זיי גאָר ניט מקנא?

מיטיא האָט גלייכגילטיג אַ קוק געטהון צו די פערערשטע וועסלעס צו, וואו צוויי מענשליכע פיגורען האָבען אַרומ-געהאָוועט איבער'ן פליט, דאָס רעכטס, דאָס לינקס, און, אָבשטעלענדיג זיך גאַנץ אָפט אײנע נעבען דער אַנדערער, פלעגען זיי זיך צונויפגיעסען אין איין געדיכטע, שוואַרצע מאַסע.

— הייסט עס, דיך אַרט עס גאָר ניט?

— וואָס איז מיין דאגה? זיי זינדיגען, נו וועלען זיי

דאַרפֿען אָבגעבען רעכֿנונג דערפֿאַר, — האָט מ י ט י א שטיל אַרויסגערעדט.

— אַזוי גאָר? — האָט ס ע ר ג י י אויסגעזינגען איראָניש און האָט דערשאָטען די פּיפּקע. דאָס רויטע פּייערל האָט ווידער געגומען בלישצען. דערווייל איז די נאַכט געוואָרען טיפֿער, און די שוואַרצע וואָלקענס האָבען זיך אַראָבגעלאָזען נאָך ניעדריגער איבער דעם שטילען, ברייטען טייך.

— דו זאָג מיר אָקאָרשט, מ י ט י א, וואו האָסטו זיך עס אָנגענומען אַזא טייערע חכמה, אַ? ניט שוין זשע איז עס אַלץ פֿון קאָפּ?... נאָר ניט אין טאַטען האָסטו זיך איינגעגעבען. דער טאַטע דיינער איז אַ גבור: צוויי־און־פֿינפֿציג יאָהר איז איהם, דאָך שפּיעלט ער נאָך מיט אַזא יונגער סחורה'קע. אַ ווייבעל — לויטער זאַפֿט! און זי האָט איהם טאַקי האָלד אויך — וואָס איז דאָ פֿאַרהאַן וואָס צו רעדען? יאָ, ברודער'ל, האָלד. אַזא חברה־מאַן, ווי ער איז, קאָן'מען גאָר ניט ניט ליעבען. אַ יונג מיט ביינער איז דיין טאַטע, אַן אָדלער! טהוט ער עפּעס אַן אַרבייט, איז אַ מחיה צו קוקען. רייך איז ער, כבוד האָט ער מעהר, ווי ער וויל אַליין, און דער מח האָט איהם אויך ניט אויסגעדאַרט. א י ך זאָג דיר! דו אָבער האָסט זיך איינגעגעבען ניט אין טאַטען, ניט אין די מאַמען... אַ, מ י ט י א, וואָס וואָלט איצט דער טאַטע געטהון, ווען די מאַמע וואָלט געלעבט? טשיקאַווע! איך וואָלט טאַקי געווען אַ בעלן זעהן, ווי זי וואָלט עס איהם טשוואַלעווען! אויך געווען אַ טייערע שטוקע, די מאַמע דיינע, אַ מזיק — אַ פֿרוי געווען... ס י ל אָ נ ק ע ן, דעם טאַטקע דיינעם, אַ פּאָר!

מ י ט י א האָט געשוויעגען, שטעהענדיג אָנגעשפּאַרט אָן די ווענטלע און קוקענדיג אין וואַסער.

ס ע ר ג י י איז אויך אַנטשוויעגען געוואָרען. פֿון פֿעדערשטען פּליט האָט זיך דערטראָגען אַ הילכֿיגעס פֿרויען־געלעכטער. איהם האָט אָבגעענטפֿערט דער באַסאָווער געלעכטער פֿון אַ מאַנסבילד. ס ע ר ג י י, וועלכער האָט אויף זיי געקוקט שאַרף און מיט נייגיערינקייט, האָט קוים געקאָנט

זעהן זייערע פיגורען, איינגעוויקעלט אין פינסטערניש. מען האָט דאָך געקאָנט זעהן, אַז דער מאַנסבילד איז הויך געוואַקסען, אַז ער שטעהט בײַ דער וועסלע מיט פאַרנאַנדערגעשטעלטע פיס, מיט'ן גוף האַלב אויסגעדרעהט צו אַ קלײנער, קײלעכדיגער פרוי, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ צווייטע וועסלע, אַ קלאַפּטער אַנדערהאַלבען פון דער ערשטער. זי סטראַשעט איהם מיט'ן פינגער, פערגיעסענדיג זיך אין אַ רייצענדען געלעכטער. סערגיי האָט זיך אָבגעקעהרט מיט אַ זיפּץ פון צעבראָכענקייט. אַשטיקעל צייט איז ער געשטאַנען פערטראַכט, נאָכדעם האָט ער ווידער אָנגעפאַנגען:

— עך־עך! אָט זי איז טאַקי גוט! אַ חיות! אָ, ווען מיך, סערגיי האָלאָדריגע, וואָלט אויך אַמאָל אַזאַ גליק געטראָפען!... אַ, איך וואָלט שוין געוואוסט, ווי אײַנצוהאַלטען אַזאַ ווייב... זי וואָלט שוין, דוכט זיך, אָן אַנדערן ניט אָנגעקומען... קיין מאָל אין לעבען וואָלט איך פון אַזאַ ווייב ניט אוועקגעגאַנגען! עך, עך! איך וואָלט זי פאַר אײנס געהאַלטען אין האַנד, גאָרניט אַרויסגעלאָזט אפילו. נאַ, זעה אקאָרשט, פיגעלע מיינס, ווי האָלד איך האָב דיך... ווייס אקאָרשט... פערברענט זאָל עס ווערן! מיר געהט עפּעס ניט מיט ווייבער... אפנים, אַז ווייבער האָבען ניט האָלד קיין רויטע... יאָ־יאַ! זי איז אַ קאַפּריזנע, אָט די סחורה'קע. היינט, אַקיסלערטע איז דאָס אײנע אין דער וועלט! לעבען אַ טאָג ווילט זיך איהר, אײ חלש'ט זיך איהר! שלאָפסט, מיטיא?

— ניין. — ענטפערט יענער שטיל.

— הערסטו! אַבי איך האָב געמיינט, אַז דו שלאָפסט. וואָרום, אין אמת'ן גערעדט, וואָס איז דיר נוגע דער עסק?... ניין, דו, ברודער'ל, גיב מיר אָקאָרשט צו פערשטעהן, ווי אַזוי קלערסטו עס דורכצופיהרען דיין וועלטעל מיט אַזאַ נאַטור ווי דיינע? מ'שטיינס געזאָגט, דו ביזט דאָך איינער אליין, ווי אַן אָבגעהאַקטער פיען פון אַ בוים. שווער, ברודער'ל, וועט דיר זיין צו לעבען אויף דער וועלט, שווער. וואוהין,

אַ שטײגער, קאָנסטו געהן? אַ לעבען ווי דער סדר איז וועסטו אין ערגעץ ניט האָבען. אַזאַ שגעון ביזטו... סט׳געהערט אַ מענש, וואָס קאָן זיך פאַר זיך אַליין ניט שטעלען? אַזאַ מענש איז ניט מעהר, ווי אַ לעבעדיגע פגירה! מען דאַרף, ברודערקע, האָבען צייהן מיט נעגעל. אַ ניט, וועט דיר יעדער אײנער אַרויסצאַפּען דאס בלוט. וואָס, דו קאנסט זיך דען שטעלען ווען אַנטקעגען? מיט וואָס קאנסטו זיך וועהרען? עך־עך־ע! אַ מאָדנער ביזטו, מיטיא, אַ פלאַגע, ווי דו זעהסט מיך אַ לעבעדיגען! וואוהין טויגסטו?

— איך? — האָט זיך מיטיא ווידער אויפגעחאַפּט. — איך וועל אַוועקגעהן. עס וועט קומען אָסיען־צייט, וועל איך, ברודער׳ל, נעהמען און אַוועקגעהן אויף קאַווקאַז און גאָר!... גאָטוניו, ווי דערוואַרט איך שוין די שעה, ווען איך וועל שוין פון דאַנען אַוועקגעהן, פטור ווערן פון אײַך אַלעמען! אָהן נשמות זענט איהר, איהר האָט קײנער קײן מורא ניט פאַר גאָט — לויפען פון אײַך, וואו די אויגען טראָגען, דאָס איז די אײנציגע הילף! פאַר וואָס לעבט איהר גאָר אויף דער וועלט? וואו האָט איהר גאָט? אײַער גאָט איז אַ וואָרט אָהן שום בעדייטונג... צי איהר לעבט דען, ווי גאָט הייסט לעבען? אָך, וועלף, איהר אײנע!... דאָרטען אָבער זענען פאַראַן אַנדערע מענשען, אין זייערע הערצער איז דאָ ליעבשאַפט, און זיי ליידען, זוכענדיג אַ וועג, ווי אַזוי צו ראַטעווען די וועלט. איהר אָבער, אָך איהר ווילדע חיות! איהר טרויכט נאָך זינד, נאָך מיאוסקייט! עס געבען אויף דער וועלט אַנדערע מענשען. איך האָב זיי אַליין געזעהן. זיי האָבען מיך גערופען צו זיך. און איך וועל טאַקי צו זיי אַוועקגעהן אויך. אַ הייליגען ספר האָבען זיי מיר צוגעשיקט. לייען, זאָגען זיי, דו גאָט׳ס מענש, אונזער טייערער ברודער, לייען דאס וואָרט פון אמת... און איך האָב געלייענט, און מיין נשמה האָט זיך בענייעט מיט גאָטס וואָרט. איך וועל פון דאַנען אַוועקגעהן, איך וועל אײַך אַלעמען דאָ לאָזען. משוגענע וועלף וואָס איהר זייט — יעטווידער פון אײַך שפּייזט זיך מיט דעם צווייטענס פלייש. גאָטס קללה אויף אײַך!

מ י ט י א האָט גערעדט מיט אַ ליידענשאַפטליכען שעפּטשען. איהם האָט אַזש פערהאַפּט דער אָטהעם פון צופיעל פעראַכטונג צו די משוגענע וועלף און פון צופיעל דורשט נאָך די מענשען וואָס ליידען פאַר די וועלט.

ס ע ר ג י י איז געווען איבעראַשט. ער האָט אביסעל געשוויעגען מיט אַ ברייט אויפגעפּעטנטען מויל און מיט דער פּיפּקע אין האַנד. ער האָט אַ טראַכט געטהון, דערנאָך האָט ער אַרויס-גערעדט מיט אַ געדיכטען, אונפריינדליכען קול:

— זעה נאָר, ווי ער האָט זיך עס צעקאָכט! נאָך אַ שלעכטער אויך דערצו... טאָמער האָט דיר נאָך עפּעס געפעהלט אַ מעלה... אומזיסט, ברודערקע, האָסטו געלייענט דעם ספר דיינעם. דער רוח ווייסט דיך, וואָס פאַר אַ בוך דו האָסט דאָרט געלייענט... ס'איז נאָך ביי מיר אַ פראַגע, אויב אין איהם איז דאָ עפּעס רעכטס. נו... לויף, טראָג זיך פון דאַנען, לויף וואָס גיכער, אַ ניט קאָנסטו נאָך אַליין אויך חלילה ווערן שדים וויסען וואָס, דאָ צווישען אונז. היידאַ, לויף אַקאָרשט, איידער נאָך דו האָסט פּאַסמייעט ווערן אַ ווילדע חיה, ווי אַלע... איך וואָלט נאָר וועלען וויסען, וואָס פאַר אַ מענשען זענען זיי עס דאָרטען אין קאַווקאַז? מאָנאַכען? אין וואָס, אַ שטייגער, גלויבען זיי עס אַזוינס?

מ י ט י א אָבער איז שוין איצט געווען אַן אבגעקיהלטער. ער האָט געקעהרט מיט דער וועסלע, פערחלינענדיג זיך פון גרויסער אָנשטרענגונג, און ער האָט שנעל און נערוועז געשעפּטשעט.

ס ע ר ג י י האָט לאַנג געוואַרט אויף אַן אַנטוואָרט און האָט זיך ערשט ניט דערוואַרט. די טויטע, אונמוטהיגע שטילקייט אַרום און אַרום איז געליעגען, ווי אַ בלייערנע משא אויף זיין געזונדער, איינפאַכער נאַטור און האָט זי געדריקט. איהם האָט זיך געוואָלט אַרויסלאָזען מעהר פרישע, לעבעדיגע קולות, בכדי צו דערשרעקען און פערטרייבען די שווערע שטילקייט, וואָס האָט זיך איינגעגעסען אין טייך, גלייך ווי זי — די שטיל-קייט — וואָלט זיך אין עפּעס שטאַרק איינגעקוקט. איהם האָט זיך געוואָלט ערָאינערן זיך זעלבסט אָן לעבען. אויף דעם

פערערשטען פליט האט מען געלעבט און מען האט איהם אויך געוועקט צום לעבען. אלע ווילע פלעגט זיך פון דארטען דער־טראגען אדער א שטיל, צופריעדען געלעכטער, אדער איינציגע אויסרופען. די קולות האבען זיך אויסגעמישט מיט דער שטילער נאכט אונ מיט דער צום לעבען רופענדער וועסנע־לופט.

— מ י ט י א, הער־אויף! וואוהין קעהרעוועסטו? דער טאטע וועט אויף דיר באלד ווידער אנשרייען, זעה! — האט ער צו־לעצט בעמערקט, ניט אויסהאלטענדיג דאס שווייגען אונ דער־זעהענדיג, אז מ י ט י א בויטשעט אומזיסט דאס וואסער. — עפעס געהען היינט ווענינ דאמפפער: שוין א שעה, אז מיר שווימען, נאר איינעם בעגעגענט. — דערזעהענדיג, אז מ י ט י א האט ניט ברעה צו ענטפערן, נעהמט זיך ס ע ר ג י י אליין זיך ערקלערען די זאך. — דאס איז דערפאר, וואס דער אמת'ער גאנג פון די שיפען האט זיך נאך ניט אנגעהויבען. איצט ערשט פאנגט עס אן... אי וועלען מיר עס היי־יאהר גיך דער־שווימען קיין ק א ז א ן — די ו ו א ל ג א טראגט, ווי געהעריג איז. א קלייניגקייט די גבורה פון איהר שטראם, זי קאן אלעם פער־טראגען... וואס שטעהסטו עפעס אזוי און רעדסט א ווארט ניט? צי דו ביזט אין כעס, א, מ י ט י א?

— וואס איז? — ענטפערט יענער אונצופריעדען.

— גארנישט... גלאט אזוי זיך... א מאדנער מענש דאס איז! וואס שוויגסטו? רק דו קלערסט... פאלג מיך, ווארף עס אוועק, אט די טראכטעניש. דאס איז זעהר שעדליך פאר א מענשען. אך, דו חכם דו, דו טראכסט רק און טראכסט, און פערשטעהסט ניט, אז ביי דיר אין קאפ איז לער, חאטש טרייב א פאר פערד. חא! חא!

ס ע ר ג י י פיהלט, ווי העכער ער איז פון מ י ט י א'ן; ער טהוט געשמאק א קרעה און פאנגט־אן פייפען. באלד אבער רעדט ער ווידער:

— אין געדאנקען גאר ארייגלאזען זיך! חא! טאקי א פאסיגער עסק פאר א פראסטען מענשען. אט זעה, דער טאטע דיינער טראכט ג י ט צופיעל, ער קריכט נ י ט אויף די גלייכע

ווענד—לעבט ער טאקי! אָן שפּיעלט ער זיך מיט דיין ווייב, און זיי ביידע לאַכען אָט איצט פֿון דיר, פֿון דעם נארישען חכם. אָט אַזוי! טס! הערסט? חאַפּט זיי דער קאדיק! דו ווייסט, מארקע מוז שוין, אַפּנים, טראָגען? ניש־קשה, ניט דיין אָנבליק וועט דאָס קינד האָבען! מסתמא זיין אַזא יונגאַטש, ווי ס י ל א ן פעטראָוו. פֿון דעסטוועגען, אין די ביכער ביי׳ם גלח און ביי׳ם שרייבער אין ביי דער גאַנצער וועלט וועט עס הייסען דיין קינד. א שען שטיקעל עסק, כ׳לעבען, חאַ, חאַ! „טאַטע, טאַטישע!" וועט עס דיר זאָגען, דו אָבער וועסט איהם, הייסט עס, גאָר ניט זיין קיין טאַטע, נאָר א ברודער, און דער אמת׳ער טאַטע זייִנער וועט גאָר זיין זיידע! אָ, ווי קונציג דאָס איז! פּע, בעל־עברה׳ניקעם!... א געראָטענע חבֿרה, האַ? פֿאַר קיין זאַך קיין מורא ניט — אמת, מ י ט י אַ?

— ס ע ר ג י י! — האָט זיך געלאָזט הערען א ליידענשאַפֿטליך־אויפֿגערעגטע, שיער ניט וויינענדיגע שטימע. — איך בעט דיך, אום גאָטעס ווילען, מוטשע מיך ניט, רייס מיר ניט מיין האַרץ אויף שטיקער, ברען ניט, לאָז מיך צו רוה! שווייג שטיל, רעד צו מיר ניט! רייץ מיך ניט! צאַפּ ניט מיין בלוט! אָט איך וועל זיך אין טייך אַריינוואַרפֿען, אויף דיין קאָפּ וועט פֿאַלען די עבֿרה! טשעפּע מיך ניט, איך וועל מיין נשמה אוועק׳פּטר׳ן, אום גאָטעס ווילען—איך בעט דיך!

דאָס קראַנקע, קוויטשענדע קול האָט איבערגעריסען די שטילקייט. מ י ט י א האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף די קלעצער, גלייך עפּעס וואָלט אַראָבפֿאַלען פֿון די שווערע וואָלקענס און וואָלט איהם צוגעקלאַפּט צום באָדען.

— שאַ, שאַ, שאַ! — האָט ס ע ר ג י י געבורטשעט דער־שראָקען, צוקוקענדיג, ווי זיין קאמעראַד האָט זיך אומגעוואָרפֿען אויף די קלעצער, אַזוי ווי אַן אָבגעברענטער. — ען, א מאַ־נער מענש דאָס איז!... נו אַ שגעון!... חאַ׳לט ער זאָגען, חאַלט ער, אַז עס איז איהם... אַז עס איהם...

— א גאַנצען וועג מוטשעסטו מיך... וואָס האָסטו צו מיר?.. צי איך בין דיר א שונא? — האָט מ י ט י אַ זיעדיג געבורטשעט.

— א שגעון ביזטו, ברודער, אָט וואָס! אַן אמת׳ער ווילדער! — האָט ס ע ר ג י י געמורמעלט צעמישט און בעלעדיגט. — צי איך ווייס, וואָס ביי דיר אין האַרצען טהוט זיך? בין איך דען מחויב צו וויסען, וואָס איז ביי דיר אין נשמה?

— פערגעסען וויל איך דאָס אַלעס, פערשטעהסט? פערגעסען עס אויף אייביג! מיין שאַנדע... מיינע ביטערע יסורים! בלוט־דורשטיגע מענשען זענט איהר! ניין, איך מוז אוועקגעהן פון דאַנען! אויף אייביג וועל איך אוועקגעהן: איך האָב קיין כח ניט!...

— טאָ גיי! — האָט ס ע ר ג י י אַ געשריי געטהון אויף דעם גאַנצען טייך און האָט נאָך צוגעלעגט אַ דונערנדעס צינישעס זידעל־וואָרט. ער איז גלייך אַנטשוויגען געוואָרען, האָט זיך איינגעקאָרטשעט און צוגעזעצט זיך. אַפּנים, אַז די זעלען־דראַמאַ, וועלכע האָט זיך פאַר איהם איצט אויפגעעפענט און וועלכע ער האָט שוין איצט ניט געקאָנט ניט פערשטעהן, האָט איהם אויך אַראָבגעדריקט צום באָדען.

— העי, איהר דאָרטען! מען שרייט דאָך צו אייך, צי איהר זייט, צו אַל־די שוואַרצע יאָהר, טויב געוואָרען! — האָט זיך איבער׳ן טייך פאַרנאַנדערגעטראָגען סילאַן פעטראָוו׳ס שטימע. — וואָס טהוט זיך עס דאָרטען ביי אייך? וואָס בילט איהר אַזוי, אַ?

סילאַן פעטראָוו׳ן איז, אַפּנים, געווען געפעלען דורכצושרייען זיך איבער׳ן טייך, דורך דאָס שווערע שווייגען, מיט זיין געדיכטען, שטאַרקען קול, פול מיט גבורה. די געשרייען האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איינעם און האָבען געמאַכט ציטערן די וואַרעמע, פייכטע, נאָך לעבען בענגענדע לופט, וועלכע איז אָבער געווען צו שווער, צו אויפרעגענד און צו אונפּאַסיג פאַר מיטיא׳ס ביינעריגער פיגור, אויף וועלכע זי האָט געווירקט אַזוי שלעכט. ס ע ר ג י י האָט זיך מיט׳ן גאַנצען כח אָבגערופען צו׳ם בעל־הבית, אוועקשיקענדיג איהם דערווײלע, אין דער שטיל, אַ קרעפּטיגעס, געפּעפּערטעס זידעלוואָרט. די צוויי קולות האָבען זיך געריסען, האָבען געוועקט די שטילקייט און די

פינסטערניש. דאָ זענען זיי זיך פאַר־אַנדערגעגאַנגען, און די לופט האָט געציטערט, דאָ האָבען זיי זיך צונויפגעגאָסען אין איין זאַפטיגע נאָטע, אַזוי ווי פון אַ מעשענער טראָמפּייט. די קולות זענען אַוועקגעשוואומען אין די לופט, האָבען זיך פערלאָשען און זענען פערשוואונדען.

אַ פּאָר לבנה־שטראַהלען האָבען זיך דורכגעשפּאַרט דורך אַ ריעס אין די הענגענדע וואָלקענס און זענען אַראָבגעפאַלען אויף די פינסטערע וואָסערדיגע דעק. אַרגע האָבען זיי אַ ציטער געטהון אין וואַסער, גלייך ווי געלע פלעקען; דערנאָך האָט זיי די פייכטע פינסטערניש אָבגעמעקט, און זיי זענען פערשוואונדען.

די בליטען זענען זיך געשוואומען זייער וועג דורך די פינסטערניש און שטילקייט,

איבערזעצט דורך N.

אין פערלאַג „קליינע פאָלקס־ביבליאָטעקע" ווארשא.

איז ערשיענען פאָלגענדע ביכער.

אברהם רייזען.	די יודישע גאס.	7 קאָפּ.
גראף ל. טאלסטאי.	דער פערברעכער	7 "
מאריס ראזענפעלד.	געקליעבענע ליעדער	20 "
א. טשעכאוו.	דאס אומגליק	7 "
מ. גארקי.	איין מאהל אין הערבסט	10 "

עס פערפערטיגט זיך צום דרוק ביכליך פון פערשיעדענע אנדערע שרייבער.

הויפּט פערקויף אין בוכהאַנדלונג.

Я, ЛИДСКІЙ, Варшава Налевки № 32.

פערלאג „די אינטערנאציאנאלע ביבליאטעק“.

№.		קאפ׳
1	ווי אזוי האט זיך פראנקרייך בעפרייעט. פיליפ קראנץ.	8
2	דער הונגעריגער ארבייטער. עליזא רעקליו.	5
3	איינמאל אין הערבסט. מ. גארקי.	12
4	די רעליגיעזע דומהייט. ע. נ. טשיריקאוו.	5
5	דאס אומגליק (ערצעהלונג). א. פ. טשעחאוו.	
6	א הספד נאך דער גאנאיקע. וו. דאראשעוויטש.	8
7	נידער מיט די פערברעכער. ראבערט אינגערסאל.	15
8	דער אפפער פון פאבריק. מאריא קאנאפניצקא.	5
9	די יודישע נאס (ערצעהלונגען) א. רייזען.	10
10	דער פערקויפטער אפעטיט. פ. לאפארג.	10
11	דער פערמשפטער ארבייטער. וויקטאר הוגא.	15
12	דער פערברעכער (ערצעהלונגען). ל. טאלסטאי.	
13	וואס איז סאציאליזמוס (א לייכטע ערקלערונג). ק. מארקס.	15
14	פאעזי, פון מ. ראזענפעלד. א זאמלונג פון זיינע בעסטע גערידכטע	20
15	די אייביגע מלחמה מיט דער נאטור. נ. רובאקין.	25
16	די שרעקליכע טעג. וו. גארשין.	5
17	ווי אזוי דער מענש בעזיעגט די נאטור. נ. רובאקין.	25
18	ליעדער ביי דער ארבייט. מ. טייטש.	10

אין גיבען גיבען מיר ארויס נאך נייע ביכער

Книж. маг. „ИЗРАЭЛИТЪ“ Вильна.

פאדערט אונזער פאלשטענדיגען קאטאלאג פון די בעסטע און נייעסטע ליטעראַרישע ביכער איהר ווערט איהם בעקומען פריי. די פרייזען איז נאר פאר יחידים, פאר בוכהענדלער און ביבליאטעקען גיבען מיר ארא פון די פרייזען גרויסע פראצענטען.